# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת וירא

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל יששכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)

ניקוד: ישראל פויגל 054-8435096 (972)

# תוכן הענינים

## לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי


נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה ............ ה

קַח נָא - לָשׁוֹן בַּקָּשָׁה ............ ו

לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ ............ ז

וְכָבַשׁ רַחֲמָיו לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ 'בְּלֵבָב שָׁלֵם' ............ ח

דָארְשְׁט צוּ אַ מִצְוָה ............ יא

דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פָאדֶערְט 'רָצוֹן' ............ יב

לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ ............ יג

# פָּרָשַׁת וַיֵּרָא

## לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי

☆ נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה ☆ קַח נָא - לָשׁוֹן בַּקָּשָׁה ☆ לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ ☆ וְכָבַשׁ רַחֲמָיו לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ 'בְּלֵבָב שָׁלֵם' ☆ דָארְשְׁט צוּ אַ מִצְוָה ☆ דֶער בַּאשֶׁעפֶער פָאדֶערְט 'רָצוֹן' ☆ לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ

### נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה

**דֶער** לֶעצְטֶער נִסָּיוֹן פוּן דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפְּרוּאוְוט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דֶער 'נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם נֶעם דֵיין אֵיינְצִיגְסְטֶער בַּאלִיבְּסְטְן זוּן יִצְחָק -דֶער קִינְד וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז פוּן אִים וֶועט עֶר הָאבְּן טוֹיזֶענְטֶער אֵיינִיקְלֶעךְ, דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק וֶועט וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אוֹיף זֵיין נָאמֶען, - אוּן לֵייג אִים אַרוֹיף אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ אַלְס אַ קָרְבָּן עוֹלָה.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ מְהַלְכִים אוּן פְּשָׁטִים אִיז שׁוֹין גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוּן אָפְּגֶעטֵייטְשׁ אָט דֶער נִסָּיוֹן, אַסַאךְ טִינְט אִיז שׁוֹין פַארְנוּצְט גֶעוָוארְן אִין דִי סְפָרִים הַק' צוּ עֶרְקְלֶערְן וָואס דֶער נִסָּיוֹן אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים פַארְשִׁידֶענֶע פְרַאגֶעס אוּן יֶעדֶע עֶנְטְפֶערְט תֵּרוּצִים אוּן הֶסְבֵּרִים לוֹיט זֵיין שְׁטֵייגֶער אוּן מְהַלֵּךְ.

**דֶעם** 'מַעֲשֵׂה הָעֲקֵדָה' אִיז אֵיינְס פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶער זְכוּתִים מִיט וָואס אוּנְז כַאפְּן זִיךְ אָן דֶערְמִיט בִּיְזְן הֵיינְטִיגְן טָאג, עֶס אִיז פַארְהַאן אוּמְצָאלִיגֶע מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל וָואס בְּרֶענְגֶען אַרוֹיס דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דֶער מַעֲשֵׂה הָעֲקֵדָה אַלְס אַ זְכוּת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע טֶעג דֶערְמַאנֶען מִיר דֶעם עֲקֵדָה אַלְס אַ זְכוּת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (ראש השנה טז.): **אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** הַשֵּׁי"ת הָאט גֶעזָאגְט: **תִּקְעוּ לְפָנַי בְּשׁוֹפָר שֶׁל אַיִל** בְּלָאזְט פַאר מִיר מִיט אַ שׁוֹפָר פוּן אַ וִוידֶער, **כְּדֵי שֶׁאֶזְכּוֹר לָכֶם עֲקֵידַת יִצְחָק** כְּדֵי אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פַאר עֶנְק דִי עֲקֵידָה פוּן יִצְחָק דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, **וּמַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם** אוּן אִיךְ וֶועל דָאס רֶעכֶענֶען פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל **כְּאִילוּ עֲקַדְתֶּם עַצְמְכֶם לְפָנַי** אַזוֹי וִוי עֶנְק וָואלְטְן זִיךְ אַלֵיין גֶעבִּינְדֶען פַאר מִיר.

**מִיר** זֶעען דֶערְפוּן, אַז דִי עֲקֵידַת יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס עֶקְסְטֶער חָשׁוּב אוּן וִויכְטִיג בֵּיים בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ מֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן דֶער כֹּחַ פוּן אַבְרָהָם

אָבִינוּ וָואס הָאט גֶענוּמֶען יִצְחָק צוּם עֲקֵדָה, אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז גֶעוֶוען אַ זְכוּת פַּאר אִים, נָאר דֶער זְכוּת הֶעלְפְּט אַרוֹיס כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע צֵייטְן.

**אוֹיסֶער** דֶער גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן וָואס אַבְרָהָם אִיז דַאן בַּייגֶעשְׁטַאנֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט זַיין בַּאלִיבְּטְן זוּן יִצְחָק אוֹיף דִי עֲקֵדָה, אִיז דָאס אַ עֶפֶּעס וָואס בַּאגְלֵייט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן דֶער כֹּחַ פוּן אַבְרָהָם צֵיעט זִיךְ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, ווִי מִיר גֶעפִינֶען אִין רַשִׁ"י (כב ו) דֶער סִבָּה פַארְוָואס דִי תּוֹרָה רוּפְט אָן דִי מֶעסֶער וָואס אַבְרָהָם הָאט מִיט גֶענוּמֶען צוּ שֶׁחְטְ'ן יִצְחָק 'מַאֲכֶלֶת' **עַל שֵׁם שֶׁיִּשְׂרָאֵל אוֹכְלִים מַתַּן שְׂכָרָהּ** ווייַבאלְד אוּנְז עֶסְן – מַאֲכֶלֶת אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אֲכִילָה-עֶסְן – נָאךְ דֶעם שְׂכַר פוּן דֶעם וָואס אַבְרָהָם הָאט זִיךְ דַאן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ מַקְרִיב זַיין יִצְחָק.[א]

**סְ'שְׁטֵייט** אִין טוּר (או"ח סימן א סעיף ה) אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם פָּרָשַׁת הָעֲקֵדָה. אוּן דֶער בֵּית יוֹסֵף עֶרְקְלֶערְט דֶערוֹיף צְוֵויי טְעָמִים, כְּדֵי צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זְכוּת אָבוֹת, נָאךְ אַ טַעַם זָאגְט דֶער בֵּית יוֹסֵף, ווייל דָאס הֶעלְפְּט אוּנְז צוּ קֶענֶען בַּייקוּמֶען אַלֶע אוּנְזֶער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פְּרוּבִּירְט אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ טֶעגְלִיךְ.[ב]

## קַח נָא - לָשׁוֹן בַּקָּשָׁה

**חֲזַ"ל** זָאגְן (סנהדרין פט: וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַשִׁ"י), אוֹיף דִי פָּסוּק (כב, ב) **קַח 'נָא' אֶת בִּנְךָ**, אֵין **נָא** אֶלָּא לָשׁוֹן בַּקָּשָׁה, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַבְרָהָם אַז עֶר זָאל בַּייקוּמֶען דֶער נִסָּיוֹן, אוּן עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען דֶערְפוּן אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם.

**דֶער** רַ"ן (דְּרָשׁוֹת הָרַ"ן - דְּרוּשׁ שִׁישִּׁי) לֶערְנְט אָפּ דִי מַאֲמַר חֲזַ"ל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בַּאפֶעל נָאר אַ בַּקָּשָׁה, הַשֵּׁי"ת הָאט גֶעבֶּעטְן אַבְרָהָם אָבִינוּ "בִּיטֶע טוּה מִיר אַ טוֹבָה אוּן נֶעם דֵיין זוּן יִצְחָק אוּן גֵיי מִיט אִים צוּ הַר הַמּוֹרִיָּה אוּן זַיי אִים דָארְטְן מַקְרִיב אַלְס אַן עוֹלָה". דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעבֶּעטְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט (כא יב) **כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע** אוּן עֶר זָאל אִים צוּלִיבּ טוּן אוּן בְּרֶענְגֶען זַיין בַּאלִיבְּסְטְן זוּן יִצְחָק אַלְס אַ קָרְבָּן,

**נָאכְמֶער** שְׁרֵייבְּט דֶער רַ"ן אַז אַבְרָהָם וָואלְט גֶעקֶענְט טַעֲנָה'ן "דוּ

**א.** עס שטייט אין זוהר הק' געוואלדיגע סגולות וואס דער פרשת העקידה פארמאגט; עס איז נישטא נאך אזא זאך וואס טוט פארמיידן דעם טויט פונעם מענטש, ווי זאגן 'פרשת העקידה', און דורכדעם וואס מיר זאגן דעם פרשת עיקדה יעדן טאג, זענען מיר באשיצט פון אלע שלעכטס און עס קומט ארויס א בת קול פון הימל וואס זאגט "אל תעש לו מאומה, טו נישט קיין שלעכטס פאר מיינע קינדער".

**ב.** דער שפת אמת (תרלה בד"ה עתה) ערקלערט פשט אין דעם לשון הפסוק (תהלים ס פסוק ו) **נתתה ליראיך נס להתנוסס מפני קשט סלה** אז אלע נסים וואס מיר - כלל ישראל האבן ביזן היינטיגן טאג, קומט מכח די נסיונות וואס אברהם אבינו איז בייגעשטאנען.

הָאסְט מִיךְ דָאךְ צוּגֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן אוּמְצָאלִיגֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְ'ס אִין הִימְל" אַבְרָהָם וָואלְט גֶעמֶעגְט פְּרֶעגְן "וואוּ אִיז דֶער הַבְטָחָה וָואס דִיר הָאסְט מִיךְ צוּגֶעזָאגְט אַז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן מֵיין זוּן יִצְחָק?" אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין שׁוּם שְׁטְרָאף פוּן השי"ת, וִויבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעהֵייסְן גֵיי זַיי מַקְרִיב דֵיין קִינְד אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּעטְן, בִּלְשׁוֹן בַּקָּשָׁה "בִּיטֶע, גֵיי אוּן בְּרֶענְג יִצְחָק אוֹיף דִי עֲקֵדָה".

**טְרָאץ** דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט בַּאפוֹילְן נָאר גֶעבֶּעטְן, אִיז אַבְרָהָם נָאךְ אַלְץ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפָאלְגְט השי"ת וִויבַּאלְד אַבְרָהָם הָאט גֶעוָואלְט עֶרְפִילְן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, אוּן אַבְרָהָם הָאט גֶעווּיסְט אַז אֲפִילּוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אִים נִישְׁט דִירֶעקְט צוּ מַקְרִיב זֵיין יִצְחָק, אָבֶּער דָאס אִיז זֵיין רָצוֹן אוּן זֵיין גֶעבֶּעט, דֶערִיבֶּער אִיז אַבְרָהָם גְלֵייךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם רָצוֹן השי"ת, אֲפִילּוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט קְלָאר אַרוֹיס גֶעזָאגְט וָואס צוּ טוּן, - נָאר פַארְקֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט **כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע** פוּן יִצְחָק וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל – מִיט דֶעם אַלֶעם, הָאט עֶר אָבֶּער גֶעווּאוּסְט וָואס דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז, אוּן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה, צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם אֲפִילּוּ אָן קֵיין בַּאפֶעל, אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט אֵיין ווִילְן צוּ טוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס ווִילְן.[ג]

## לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ

**אַבְרָהָם** אָבִינוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵייגְן ווִילְן! זֵיין גַאנְצֶע רָצוֹן אוּן חֵשֶׁק אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה', עֶר הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען זֵיין ווִילְן, צוּם דֶער ווִילְן פוּן השי"ת, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען אֵיין נִסָּיוֹן נָאכְן אַנְדֶערֶע אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם אֵייגֶענֶע ווִילְן.

"**מִיר** ווִילְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא" דִי דָאזִיגֶע וֶוערְטֶער זָאגְט יֶעדֶער אִיד פוּן קְלֵיינְוֵוייז אָן, אָבֶּער עֶס אִיז דָא פִּיל אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה וִוי דֶעם, "אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין אֵייגֶענֶע רָצוֹן" "אַלֶעס וָואס אִיךְ מַאךְ, אִיז נָאר דָאס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל".

**אַבְרָהָם** אָבִינוּ הָאט זֵייעֶר קְלָאר גֶעווְאוּסְט אַז אוֹיבּ עֶר ווִיל נִישְׁט טוּעֶן דִי רָצוֹן ה' אוּן מַקְרִיב זֵיין יִצְחָק קֶען עֶר זִיךְ זֵייעֶר גְרִינְג אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, מִיט פִּילֶע אוּן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת – אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוַוארְט הוּנְדֶערְט יָאר אוֹיף קִינְדֶער,

**ג.** לויט דעם ערקלערט די ר"ן דאס וואס שטייט אין ירושלמי (תענית פרק ב הלכה ד) אז אברהם אבינו האט געזאגט פאר'ן באשעפער איך בין בייגעקומען דער נסיון און איך האב נישט געפרעגט קיין פראגעס, וואו איז דער הבטחה פון כי ביצחק יקרא לך זרע, בזכות דעם העלף מיינע קינדער ווען זיי זענען אין אן עת צרה, און זיי האבן נישט ווער ס'זאל זיך אנ-נעמען פאר זיי, בעט איך ותראה לפניך עקידה שעקד, און וועק אויף דיין מדת הרחמים.

און זיין גאַנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם דִי הַבְטָחָה פוּן השי"ת אַז יִצְחָק וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן, און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ צוּגֶעזָאגְט פַּאר אַבְרָהָם אָבִינוּ "כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע", און אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז דָאס וָואס עֶר וֶועט גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַּאר אַבְרָהָם, דָאס אִיז פַּאר דִי קִינְדֶער פוּן יִצְחָק און נִישְׁט פַּאר דִי קִינְדֶער פוּן יִשְׁמָעֵאל.

## וְכָבַשׁ רַחֲמָיו לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ 'בְּלֵבָב שָׁלֵם'

**דֶער** שֵׁם מִשְּׁמוּאֵל (שנת תער"ב) בְּרֶענְגְט פוּן זַיין טַאטֶע דֶער אַבְנֵי נֵזֶר זַצ"ל אַז דֶער עִיקָר נִסָּיוֹן פוּן דִי עֲקֵדָה אִיז גֶעוֶוען: אַבְרָהָם הָאט דָאס נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר 'מוּז' דָאס טוּן, און אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוַואל וֵוייל אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אִים דָאס צוּ טוּן מוּז עֶר דָאס טוּן, אָבֶּער עֶר וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט טוּן אָן קֵיין חֵשֶׁק און אָן קֵיין גֶעפִיל, עֶר בְּרֶענְגְט פוּנֶעם חֲזַ"ל אַז יִצְחָק הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען מִצְוַת 'כִּבּוּד אָב' מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט אַבְרָהָם צוּם עֲקֵדָה, פְרֶעגְט דֶער אַבְנֵי נֵזֶר פַארְוָואס זָאגְן חֲזַ"ל אַז דָאס אִיז כִּבּוּד אָב, דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ בַּאפֶעל פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פָאלְגְן? עֶרְקְלֶערְט דֶער אַבְנֵי נֵזֶר אַז פוּנֶעם צִוּוּי הַשֵּׁם וָואלְט עֶר זִיךְ לֵייכְטֶערְהֵייט גֶעקֶענְט אַרוֹיס דְרֵייעֶן, עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט בַּאפוֹילְן יִצְחָק צוּ גֵיין צוּם עֲקֵדָה, דֶער בַּאפֶעל אִיז גֶעוֶוען נָאר פַּאר אַבְרָהָם, און אוֹיבּ יִצְחָק וָואלְט זִיךְ קֶעגְן גֶעשְׁטֶעלְט און גֶעזָאגְט פַּאר זַיין פָאטֶער "אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן שֶׁחְטְ'ן" דַאן וָואלְט אַבְרָהָם גֶעוֶוען פָּטוּר פוּן צוּ צְווִינְגֶען יִצְחָק, וֵוייל עֶר אִיז דָאךְ אַן אוֹנֵס עֶר קֶען נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין דֶעם צִוּוּי הַשֵּׁם, אָבֶּער אַבְרָהָם הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט קֵיין תֵּרוּצִים און פְּשֶׁעטֶלְעךְ עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן מִיטְן גְרֶעסְטְן בְּרֶען און פִילְסְטְן חֵשֶׁק.

**און** אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעקֶענְט הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע סִבָּה נִישְׁט מַקְרִיב צוּ זַיין יִצְחָק, וֵוייל אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמוּנָה אִין דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דִי אַלֶע עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעקְלֶערְט פַּאר טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס זָאל זַיין אַזַא מִצְוָה אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מַקְרִיב זַיין אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, -דִי שְׁטֵייגֶער פוּן דִי עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי פְלֶעגְן מַקְרִיב זַיין זֵייעֶר קִינְדֶער צוּם גֶעטְשְׁקֶע - און אוֹיבּ אַבְרָהָם אָבִינוּ וֶועט יֶעצְט מַקְרִיב זַיין זַיין זוּן, דַאן וֶועט עֶר זַיין לְלַעַג וּלְקֶלֶס פַּאר זַיין גַאנְצֶע דוֹר, און מֶענְטְשְׁן וֶועלְן אָפְּלַאכְן פוּן אַלֶע זַאכְן וָואס אַבְרָהָם פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְלֶערְנֶען, און דָאס וֶועט זַיין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְלַאפּ פַּאר דִי גַאנְצֶע בַּאוֶועגוּנְג וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרֵיין גֶעבַּאקְן, דֶער רוּחַ פוּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**אַבְרָהָם** הָאט נִישְׁט נָאר פַּארְקוּקְט אוֹיף אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וָואס מֶענְטְשֶׁען וֶועלְן טְרַאכְטְן, נָאר דָאס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעבַּאדֶערְט און עֶס הָאט

גָארְנִישְׁט צוּגֶענוּמֶען פוּן זַיין חֵשֶׁק, אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין בְּרֶען, נָאר גְלַייךְ וֶוען עֶס הָאט גֶעטָאגְט אִיז עֶר גֶעלָאפְן בִּזְרִיזוּת אוּן מִיט אַ קָאכְ'דִיגֶע בְּרֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא, וִוייבַּאלְד עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְמָאגְט קֵיין אֵייגֶענֶע רָצוֹן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן יֶעדֶע פְּנִיָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר הָאבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִינְגַאנְצְן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיבּ עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס אִיז דִי רָצוֹן ה', דַאן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע רָצוֹן וָואס דֶער רָצוֹן ה' הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְמֶעסְטְן דֶערְמִיט![ד]

**אִין** סֵפֶר בֵּית רַבִּי (פרק כב) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁמוּעֶס וָואס דִי שַׁמָּשִׁים פוּן דִי בַּעַל הַתַּנְיָא הָאבְּן גֶעהַאט צְווִישְׁן זִיךְ,[ה] זֵיי הָאבְּן

**ד.** דער ראגאטשאווער גאון זצ"ל האט פארציילט א געשיכטע ביים הספד אויפ'ן גאון דער 'אור שמח' זצ"ל (ביידע האבן געדינט ברבנות אין די שטאט דווינסק, דער ראגאטשאווער פאר דער חסידישע עולם, און דער אור שמח פאר די בני אשכנז), איינמאל האט א אידענע אין דווינסק איבערגעלאזט איר קליין קינד אינדערהיים, בשעת זי איז ארויסגעגאנגען אויף א מינוט, צו א שכנה, ווען די מאמע איז צוריקגעקומען צו איר שטוב, האט זי מיט אן איבערראשענדע שרעק געזען ווי די הייצונג ביים טיר האט זיך צופלאקערט, און א גרויסע פייער ברענט ביים שוועל פונעם טיר וואס דאס פארשטעלט די אריינגאנג צום הויז, און עס דראעט צו פארברענען רחמנא לצלן די גאנצע שטוב צוזאמען מיט איר קינד וואס געפינט זיך דארט, אין איר קלעם איז די פרוי צוגעגאנגען צו די זייטיגע פענסטער וואס איז געווען פארמאכט מיט שווערע גראטערס, און זי האט אויסגעריסן בלויז מיט אירע הענט די שטארקע אייזענער גראטעס, וואס אין אלגעמיין זענען די גראטער'ס געווען גענוג שטארק צוריקצוהאלטן אומגעוואונטשענע אריינדרינגער, און זי האט באוויזן צו ראטעווען איר קינד, א דאנק דער גרויסע תשוקה און רצון וואס זי האט געהאט צו ראטעווען איר קינד.

דער ראגאטאשאווער גאון האט אויסגעפירט, אז די עבודת ה' פונעם 'אור שמח' איז שטענדיג געווען אויף אזא מדריגה, ער האט שטענדיג געדינט דעם באשעפער מיט אזא געוואלדיגע תשוקה און דראנג, עד כדי כך אז ער האט געקענט דינען דעם באשעפער מיט א העכערע מדריגה פון מסירות נפש, כמעט למעלה מדרך הטבע.

ענליך צו דעם איז באקאנט אן א צאל עפיזאדן, ווי אזוי אידן האבן זיך געראטעוועט ביים קריג, דורכ'ן באווייזן צו טוען זאכן וואס זענען ממש אוממעגליך צו טוען, ווייל ווען א מענטש וויל באמת, קען ער באווייזן זיך אנצושטרענגען און צו דערגרייכן זאכן וואס מען קען נישט אויספירן אונטער געווענליכע אומשטענדן.

**ה.** גאר אסאך מענטשען פלעגן אנקומען צום הויף פונעם בעל התניא, אבער בלויז געציילטע תלמידים האבן געהאט דער זכיה צו ווערן אנגערופן תלמידים, און אלע אנדערע וואס פלעגן זיך דארטן דרייען, זענען געווען שמשים זיי האבן צוגעהאלפן מיט דער ווירטשאפט אינעם שטוב, און ארויס געהאלפן דער בעל התניא מיט זיינע תלמידים מיט אלע זייער געברויכן, די שמשים פלעגט מען רופן 'די רובניקעס'. בייינאכט זענען דריי תלמידים געקומען אנהייצן די

גֶעפְרֶעגְט "וָואס אִיז דֶער גְרוֹיסֶע קוּנְץ פוּן דִי נִסָּיוֹן הָעֲקֵדָה, וֶוען דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואלְט וֶועלְן אוּנְז גֶעהֵייסְן מַקְרִיב זַיין אַ קִינְד, וָואלְטְן מִיר דֶען דָאס נִישְׁט גֶעטוּן?"

**אֵיינֶער** פוּן דִי שַׁמָּשִׁים הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶערְהֶער; יֶעדֶער אִיד, - אֲפִילוּ גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בַּאפֶעלְן צוּ מַקְרִיב זַיין אַ קִינְד אוֹיפְן מִזְבֵּחַ, וֶועט דָאס יֶעדֶער אִיד טַאקֶע מְקַיֵּים זַיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גֶעפִיל אַז מֶען עֶרְפִילְט דֶעם ווילְן פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אַ בַּאפֶעל פוּן השי"ת צוּ אַרָאפּ נֶעמֶען דֶעם קִינְד פוּנֶעם מִזְבֵּחַ אוּן דָאס נִישְׁט שֶׁחְטְ'ן, וֶועט דֶער שִׂמְחָה זַיין נָאכְמֶער גְרֶעסֶער, אוּן אִין דִי שִׂמְחָה וֶועט אוֹיךְ זַיין אַבִּיסְל אַרֵיין גֶעמִישְׁט אַן אֵייגֶענֶע פְרֵייד אַז לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קִינְד, דֶער אֵייגֶענֶע נְגִיעָה פוּן שִׂמְחָה אִיז עֶטְוָואס מֶער ווי דֶעם שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, אָבֶּער בֵּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דֶער אַרוֹיף לֵייגְן יִצְחָק אוּן אִים אַרָאפּ נֶעמֶען גֶעוֶוען גְענוֹי דֶער זֶעלְבֶּע, וֶוען דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעזָאגְט "**אַבְרָהָם אַבְרָהָם, אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה** רִיר נִישְׁט צוּ דֶעם קִינְד אוּן זַיי אִים נִישְׁט מַקְרִיב אוֹיפְן מִזְבֵּחַ", אִיז דֶער שִׂמְחָה גֶעוֶוען אֵיינִיג, מִיט דֶער זֶעלְבֶּע מָאס חֵשֶׁק אוּן תְּשׁוּקָה אַז עֶר אִיז מְקַיֵּים דֶעם צִוּוּי הַשֵּׁם, סַיי דָאס אַרוֹיף לֵייגְן יִצְחָק אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ אוּן סַיי דָאס אַרָאפּ נֶעמֶען הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט פּוּנְקְט דֶער זֶעלְבֶּע שִׂמְחָה אוּן חֵשֶׁק, אַ שִׂמְחָה אוּן אַ גֶעפִיל אַז עֶר אִיז יֶעצְט מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, אָן קֵיין שׁוּם אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן אַרֵיין גֶעמִישְׁט, בְּלוֹיז דֶער שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט דֶער זְכִיָּה צוּ עֶרְפִילְן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם אוּן טוּן דָאס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל פוּן אִים. אָט דָאס אִיז אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין אֵייגֶענֶע ווילְן, נָאר מְבַטֵּל זַיין דֶעם גַאנְצֶע רָצוֹן צוּם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס רָצוֹן.[ו]

---

אויוועו אין דער שטוב ווי דער בעל התניא איז געשלאפן, און דער בעל התניא האט זיך צוגעהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך און איינער האט געפרעגט אט דער קשיא.

**ו.** דער קדושת לוי שרייבט אויך דער זעלבע מהלך, עיי"ש.

אן אנדערע גבאי פונעם בעל התניא האט געענטפערט, אז היינט צוטאגס וואס מיר פארמאגן דער כח פון אונזער זיידע אברהם וואס איז געווען גרייט צו מקריב זיין זיין אייגן קינד, איז שוין טאקע נישט קיין וואונדער פארוואס אונז זאלן דאס קענען בייקומען, אבער אברהם איז דאך געווען א זון פון תרח, ער האט געלעבט אין א דור וואס איז געווען אנגעפילט מיט עבודה זרה און ער האט זיך געשטארקט, אט דאס איז געווען דער נסיון. האט זיך א צווייטע אנגערופן, מען קען נישט אזוי זאגן, וויבאלד אברהם האט דאך שוין אנערקענט אינעם באשעפער אלס קליין קינד, און דער באשעפער האט אים שוין געהאט אויסגעפרואווט מיט פיל אנדערע נסיונות ביז אהין, א וודאי האט ער דאס געקענט בייקומען, נאר דער פשט דערפון איז, דער אייבערשטער האט נישט געזאגט פאר אברהם "אט שוין שוין" נעם איצט דיין זון יצחק, אבער

## דָארְשְׁט צוּ אַ מִצְוָה

**דֶער** רַבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶענְסְק זי"ע (נועם אלימלך ד"ה ויאמר הנה האש) שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דֶער עִנְיָן וָואס 'רְצוֹן הַשֵּׁם' בַּאדֵייט; עֶר שְׁרֵייבְּט דֶער עִיקָר וָואס דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַוארְט אַז אוּנְז זָאלְן מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְוֹת אִיז: רָצוֹן. הִשְׁתּוֹקְקוּת און ווילְן צוּ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה! **אֵין צָרִיךְ לוֹ יִתְבָּרֵךְ עֲשִׂיַּת הַמִּצְוֹת** דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף נִישְׁט דֶער עֶצֶם מִצְוָה זֶעלְבְּסְט, **שֶׁעִקַּר רָצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ הוּא שֶׁיִּהְיֶה לְאָדָם רָצוֹן מָלֵא וְשָׁלֵם** דֶער עִיקָר רָצוֹן הַבּוֹרֵא אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ גַאנְצֶע רָצוֹן.

**אָבֶּער** הֱיוֹת מִיר זֶענֶען דָאךְ מֶענְטְשֶׁען מִיט גוּפִים, קֶענֶען מִיר נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן צוּם שְׁלֵמוּת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וויל פוּן אוּנְז בְּלוֹיז דוּרְךְ ווילְן, נָאר מִיר דַארְפְן פַּאקְטִישׁ טוּן דִי מִצְוָה, וָואס דוּרְךְ דֶעם וָואס מ'אִיז מְקַיֵּים מִצְוַת ה', ווייזְט מֶען מִיט דֶעם אַז מֶען וויל טוּן דֶעם רָצוֹן ה', מִיטְ'ן מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה בְּרֶענְגְט מֶען אַרוֹיס דִי אִינֶערְלִיכֶער גֶעפִילְן אַז מִיר לֶעכְטְצֶען און מִיר ווילְן מְקַיֵּים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער פָּאדֶערְט פוּן אוּנְז.

**דֶערִיבֶּער** זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ו. קידושין מ.) **אָמַר רַב אַשִׁי חָשַׁב אָדָם לַעֲשׂוֹת מִצְוָה וְנֶאֱנַס וְלֹא עֲשָׂאָהּ** אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה, און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט, **מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ** וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט כְּאִלּוּ מֶען הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶער מִצְוָה אֲפִלּוּ מֶען הָאט עֶס בְּפֹעַל נִישְׁט גֶעטוּן, וויבַּאלְד דֶער עִיקָר סִבָּה פַארְוָואס דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פָּאדֶערְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּ טוּן מִצְוֹת, אִיז צוּלִיבּ דֶער רָצוֹן צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס בַּאפֶעל, און טַאקֶע דֶערְפַאר וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה אָן קֵיין גֶעפִילְן פוּן הִשְׁתּוֹקְקוּת, רֶעכֶענֶען דָאס חֲזַ"ל (תיקוני זוהר כה:) כְּאִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת.[ז]

**דֶער** סֵדֶר הָעוֹלָם אִיז, וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ מִצְוָה, צוּם עֶרְשְׁט אִיז דָא

---

מיט דעם אלעם איז אברהם באלד געגאנגען בזריזות אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וישכם אברהם בבוקר.

ווען דער בעל התניא האט געהערט די שמועס צווישן די רובינקעס, האט ער געזאגט "יעדע האט געזאגט א מהלך לויט וואס זיי האבן געהאלטן דערביי.

**ז.** דער חתם סופר (פרשת ראה שנת תקיף) שרייבט גאר א שארפער לשון אויף די וואס זענען מקיים מצות השם יתברך בלויז ווייל מ'דארף דאס "פטר'ן", ער זאגט אויב די מצוה קומט אן שווער ווי אן עול פאר די מענטש, **אע"פ שעובד ה' היום**, אפילו ער איז מקיים אלע מצות און ער דינט דעם באשעפער, **מכל מקום כיון שהמצות עליו לעול ולמשא**, אבער וויבאלד די מצות זענען שווער, ער שפירט נישט קיין טעם און קיין חשק אין א מצוה, **סופו לעבוד עבודה זרה** רח"ל.

דאס איז ליידער דער מציאות וואס מ'זעט, ווי מענטשען האבן נישט קיין 'נערוועו' פאר קיין מצות, מען טוט דאס נאר אבי צו יוצא זיין, און דאס ברענגט צו אז מען טרעפט אנדערע זאכן

אַ בְּרֶען אִין אַ פְּלַאם צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה, אָבֶּער מִיט וָואס מֶער צַייט עֶס גֵייט פַארְבַּיי וֶוערְט דֶער חֵשֶׁק און גְלוּסְטֶענִיש צוּם מִצְוָה אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעוֶועפְּט און צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֵייט דֶער בְּרֶען און דֶער הִשְׁתּוֹקְקוּת, דֶערִיבֶּער - זָאגְט רַבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע - וִוי נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אִים גֵיי נֶעם דַיין זוּן יִצְחָק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז ווִיבַּאלְד עֶס גֶעדוֹיעֶרְט דְרַיי טֶעג בִּיז עֶר גֵייט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה, הָאט עֶר גְלֵייךְ גֶענוּמֶען הֶעלְצֶער און זַיי גְרֵייט גֶעמַאכְט צוּ קֶענֶען פַארְבְּרֶענֶען, כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי בְּרֶען אִין דִי הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ דֶער מִצְוָה.

### דֶער בַּאשֶׁעפֶער פָאדֶערְט 'רָצוֹן'

**עֶנְלִיךְ** צוּ דֶעם יְסוֹד שְׁטֵייט אִין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק (אות י) וִוי עֶר פְרֶעגְט, פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה אַזוֹי מַאֲרִיךְ וֶועגְן דִי דְרֵיי מַלְאָכִים וָואס אַבְרָהָם הָאט זֵיי אוֹיף גֶענוּמֶען, און דִי תּוֹרָה זָאגְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס און ווִיפִיל עֶסְן אַבְרָהָם הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן און וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען, ווִידֶערְאוּם דֶער עֶצֶם הַכְנָסַת אוֹרְחִים וָואס אַבְרָהָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעטוּן פַאר אַלֶעמֶען דָאס שְׁטֵייט נִישְׁט קְלָאר אַרוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה, וָואס בְּעֶצֶם וָואלְט גֶעפַּאסְט אַז עֶס זָאל זַיין פַארְקֶערְט, וַוייל דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אֲפִלּוּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט קַיין עֶסְן, און דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּגֶעבְּרֶענְגְט קַיין פִּרְסוּם אִין כְּבוֹד שָׁמַיִם, אָבֶּער וֶוען אַבְרָהָם הָאט גֶעשְׁפֵּייזְט הוּנְגֶערִיגֶער מֶענְטְשֶׁען און זַיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ דַאנְקֶען הַשי"ת, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'ע חֶסֶד און אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם, דָאס שְׁטֵייט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה, נָאר חֲזַ"ל טוּעֶן דָאס דַרְשְׁ'נֶען פוּן דִי פְּסוּקִים.[ח]

**עֶרְקְלֶערְט** דֶער פְּרִי צַדִּיק פְּשַׁט דֶערְפוּן, לוֹיט דֶעם וָואס סְ'שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (נצבים ל יד) **כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד 'בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ' לַעֲשׂוֹתוֹ** דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט און דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען עֶרְפִילְן זַיין ווִילְן, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט **'וּבְמַעֲשֶׂיךָ'** נָאר **'בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ'** וַוייל דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פָאדֶערְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז אֵיין זַאךְ 'ווִילְן', און דֶער אִיבְּרִיגֶע הֶעלְפְט שׁוֹין הַשי"ת, צוּלִיבּ דֶעם פַארְצֵיילְט דִי תּוֹרָה דֶער מַעֲשֶׂה פוּן דִי מַלְאָכִים צוּ וַוייזְן דֶערְמִיט אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר ווִיל פוּן אוּנְז אִיז חֵשֶׁק און ווִילְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם ווִילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

---

וואס צו דעם באקומט מען א חשק און א געשמאק, און אזוי גליטש מען נעבעך אראפ דעם אידישן וועג.

**ח.** חז"ל (סוטה י.) לערנען דאס ארויס פונעם פסוק (כא לג) ויקרא בשם ה', אז אברהם פלעגט אריין רופן יעדער דורכגייער און אים געשפייזט, און ווען די געסט האבן געפארטיגט זייער מאלצייט פלעגן זיי בענטשען אברהם אבינו, האט אברהם זיי געזאגט "בענטשס נישט מיך! בענטשט פאר דער וואס האט באשאפן די עסן און טרונקען" אזוי האט ער פארשפרייט דעם באשעפער'ס נאמען.

**דֶערִיבֶּער** פַּארְצֵיילְט דִי תּוֹרָה בַּאֲרִיכוּת דֶער גַאנְצֶע פָּרָשָׁה פוּן דִי מַלְאָכִים מִיט אַלֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן, וַוייל דִי תּוֹרָה ווִיל ווייזְן דֶערְמִיט דֶער חֲשִׁיבוּת אַז כָאטְשׁ אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען שְׁוואך אוּן קְרַאנְק, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁוֶוערֶע הִיצְן צוּ זוּכְן פַּאר אַ גַאסְט, וַוייל עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ קָאך אוּן אַ בְּרֶען צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה, אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶּער וֶוען אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען גֶעזוּנְט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן פַּאר יֶעדֶער דוּרְכְגֵייעֶר, בְּרֶענְגְט דָאס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס דֶער חֵשֶׁק אוּן הִתְלַהֲבוּת וָואס אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט צוּ אַ מִצְוָה.[ט]

**גְלַייך** פוּן דֶער גֶעבּוּרְטְס פוּן יִצְחָק הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַ גַאנְצֶע צַייט גֶעשְׁטְרֶעבְּט צוּ מַל'ן זַיין זוּן יִצְחָק, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן וַוארְטְן בִּיז דֶער אַכְטֶע טָאג, אָבֶּער פוּנְדֶעסְט וֶועגְן זָאגְט דֶער סִדּוּרוֹ שֶׁל שַׁבָּת (חֵלֶק ב' דרוש ד' פרק ב אות ה) שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה **וַיָּמָל אַבְרָהָם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן שְׁמוֹנַ'ת' יָמִים**, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט שְׁמוֹנָה יָמִים אַז אַבְרָהָם הָאט גֶע'מַל'ט יִצְחָק אִין דִי אַכְטֶע טָאג, נָאר ס'שְׁטֵייט שְׁמוֹנַ'ת' יָמִים עֶר הָאט אִים גֶע'מַל'ט פַּאר אַכְט טֶעג, וַוייל דֶער בְּרֶען אוּן דֶער חֵשֶׁק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע אַכְט טֶעג, וֶוערְט גֶערֶעכְנְט כְּאִלוּ עֶר הָאט אִים גֶע'מַל'ט יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן בִּיז עֶר הָאט אִים פַּאקְטִישׁ גֶע'מַל'ט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מְצָרֵף גֶעוֶוען זַיין מַחֲשָׁבָה לְמַעֲשֶׂה.[י]

## לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִיךָ

**בַּיי** אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט נִישְׁט עֶקְזִיסְטִירְט אַזַא זַאך ווִי אַן אֵייגֶענֶע רָצוֹן, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִיז נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי צוּ מַאכְן דֶעם רָצוֹן ה', אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם אִין יֶעדְן גֶעלֶעגֶנְהֵייט.

**הַגַּם** מִיר רֶעדְן דָא פוּן גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵגוֹת, לְמַעְלָה מֵהַשָּׂגָתֵנוּ, אָבֶּער פָּארְט זָאגְן חֲזַ"ל (תנא דבי אליהו פרק כה) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זָאגְן "מָתַי יַגִּיעַ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂי אֲבוֹתַי", שְׁטְרֶעבְּן אוּן

---

**ט.** דער סקולענער רבי זי"ע דער נועם אליעזר זי"ע האט געזאגט א טייער ווארט, עס שטייט אנפאנג פרשה (יח א) והוא יושב פתח האוהל 'כחום היום' אברהם איז געזעצן אין די היצן און געווארט פאר געסט. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט זיך אברהם אזוי שטארק געמוטשעט, עס איז נישטא קיין געסט איז נישט? נאר די תירוץ שטייט אין די פסוק כחום היום די טאג האט אים געברענט, אברהם האט געטראכט; יא, טאקע ריכטיג אז איך האב נעכטן געטון חסד, און איך וועל נאך מאכן אסאך מארגן און איבער מארגן, אבער וואס איז מיט היינט?! וואס וועט זיין 'דער טאג' ברענט!

**י.** עס איז באקאנט אז דער בארדיטשובער זי"ע האט געווארט א גאנצע נאכט סוכות צו קענען מקיים זיין די הייליגע מצות פון 'ד' מינים' ביז עס איז געווארן אינדערפאון פון גרויס התלהבות איז ער צוגעלאפן צום אתרוג נישט כאפנדיג ווי זיין האנט האט זיך אריין געקלאפט אין א גלאז'נע שאפע און ס'האט זיך גענומען רינען בלוט פון זיינע פינגער'ס.

נָאכְצוּגֵיין אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַעֲשִׂים פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, לוֹיט וִויפִיל אוּנְז קֶענֶען דֶערגְרֵייכְן מִיט אוּנְזֶער כּוֹחוֹת. עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף אוּנְז – זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ צוּ גֵיין אִין זַיינֶע פִיס-טְרִיט אוּן וַוארְטְן אוּן לֶעכְטְצֶען צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה מִיט אַ בְּרֶען אוּן מִיט אַ פְלַאם פַייעֶר. וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, לְמָשָׁל עֶר גִיבְּט צְדָקָה, דַארְף דָאס צוּגֵיין מִיט אַ מְהַלֵּךְ אַז דֶער גַאנְצֶע סִבָּה אִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיג זִיךְ יֶעצְט מִיט דֶער מִצְוָה אִיז בְּלוֹיז פַאר דֶער אֵיינֶע סִבָּה, וֵוייל דָאס אִיז דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם, אָן דִי אַלֶע אֵייגֶענֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶעפִילְן, אִיךְ בִּין מְקַיֵּים דֶער מִצְוָה וֵוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

**דָאס** אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵגָה אוּן עֶס קוּמְט נִישְׁט צוּפִיס מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען צוּ אָנְקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה, אַוַודַאי גֶעוִויס וֶוען אַ אִיד גִיבְּט אַ שֵׁיינֶע סוּמֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוּן צוּלִיב דֶעם קְרִיגְט עֶר שֵׁיינֶע מַתָּנָה אָדֶער עֶר גֵייט אַרֵיין אִין אַ וֶוערְדְפוּלֶע גוֹרָל, אוּן אַזוֹי יֶעדֶע מִצְוָה וָואס בְּרֶענְגְט מִיט אַ זִיךְ אַ זֵייטִיגֶע הֲנָאָה, אִיז דֶער צְדָקָה נָאךְ אַלְץ גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אוּן עֶר קְרִיגְט דֶערוֹיף שְׂכַר, אָבֶּער דֶער סִבָּה פַארְוָואס עֶר גִיבְּט צְדָקָה בְּרוֹיךְ זַיין: וֵוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל אִיךְ זָאל נֶעמֶען מֵיין גֶעלְט אוּן דָאס אוֹיסְטֵיילְן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן, אֲפִלּוּ אָן דֶעם וָואס קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן, אוּן אֲפִלּוּ אוֹיב אִיךְ בַּאקוּם גָארְנִישְׁט צוּרִיק פוּן דֶעם.

**דִי** מִשְׁנָה (אבות פרק ב משנה ד) לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ כְּלָל וִוי אַזוֹי דֶער צוּגַאנְג פוּן אַ מִצְוָה בְּרוֹיךְ צוּ זַיין: **עֲשֵׂה רְצוֹנוֹ** טוּה דֶעם וִוילְן פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, **כִּרְצוֹנְךָ** אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי דוּ וִוילְסְט דֵיין אֵייגֶענֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, וֶוען אֵיינֶער בּוֹיעֶט זִיךְ אַ הוֹיז, אָדֶער עֶר קוֹיפְט אַ גֶעוִויסֶע חֵפֶץ וֶועט עֶר דָאס טוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, מִיטְן פִילְסְטְן חֵשֶׁק, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁפָּארְן קֵיין גֶעלְט, גֶענוֹי אַזוֹי דַארְף זַיין וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, וֶוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ צִוּוּי ה' דַארְף מֶען דָאס מַאכְן מִיטְן גְרֶעסְטְן וִוילְן אוּן חֵשֶׁק, מְבַטֵּל זַיין אַלֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, אוּן טוּן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל.[יא]

**יא.** ג' טבת תרנ"ב איז ארויס געקומען א באפעל פונעם הויפט מיניסטער אין רוסלאנד, וואס האט אנטהאלטן א געזעצץ אקעגן די לימודים אין ישיבת וואלוזין, עטליכע פאדערונגן פון די רשעות'דיגע מדינה, צווישן די געשריבענע געזעצן איז געווען אז ביינאכט טאר מען נישט לערנען, און דער ישיבה דארף זיין צוגעשפארט, במשך די טאג מעג מען נאר לערנען צען שעה, וואס אין דעם איז אריין גערעכנט זעקס שעה לימודי חול והשכלה, פון ניין אזייגער אינדערפרי ביז דריי נאכמיטאג טאר מען נישט לערנען קיין הייליגע לימודים, און די אייגענשטעלטע דארפן זיין שטודירט און באהאווענט און אלע עניני השכלה, רח"ל.

ווען די געזעץ איז ארויס געקומען, האבן די הנהלת הישיבה באלד צאמגערופן אן אסיפה אין שטאט ווילנא, וואו עס האבן זיך באטייליגט דער ראש הישיבה הגאון דער נצי"ב, און צו דעם איז אויך אנגעוועזן געווען זיין זון רבי חיים ברלין, און זיין איידעם רבי רפאל שפירא דער

**אוּנְזֶער** עֲבוֹדָה אִיז צוּ גֵיין שְׁטַאפְּלְוַויִיז בְּהַדְרָגָה, וָוען עֶס קוּמְט אוּנְטֶער אַ מִצְוָה, דַארְף מֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס שִׂמְחָה אוּן חֵשֶׁק, וָוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי, דַארְף מֶען גְלֵייךְ שְׁטְרֶעבְּן צוּ לֵייגְן טַלִּית אוּן תְּפִלִּין, דִי זְכִיָּה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין, דַארְף אַוֶועק שְׁטוּפְּן אַלֶע זַייטִיגֶע אוּן אַלֶע אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן, עֶס דַארְף וַוירְבְּלְן אוּן קָאכְן אַ הִשְׁתּוֹקְקוּת צוּ קֶענֶען מַאכְן אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, אוּן מִיט יֶעדְן פַּארְבֵּיי גֵייעֶנְדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען, דַארְף דָאס אַבִּיסְל צִיפְּן, אוּן מֶען מֶעג זִיךְ פְרֶעגְן "מָתַי יָבוֹא לְיָדִי וַאֲקַיְּמֶנָּה" וָוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען עֶרְפִילְן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם"?!

**וָוען** מֶען אַרְבֶּעט בְּהַדְרָגָה צוּבִּיסְלֶעכְוַויז, מֶען בַּאקְט אַרַיין אִין זִיךְ אַ בְּרֶען אוּן אַ חֵשֶׁק צוּ אַ מִצְוָה, וֶוערְט דֶער גַאנְצֶע זֶעל דֶערְהוֹיבְּן, מֶען וֶוערְט אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, יֶעדֶע מִצְוָה בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ אָפְּטֵייטְשׁ, אוּן דִי מִצְוָה וֶוערְט פִּיל שֶׁענֶער אוּן גְרֶעסֶער בֵּיים בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת בְּכָל פְּרָטֶיהָ, מֶען וַוארְט שׁוֹין פַאר אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּ קֶענֶען עֶרְפִילְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס וִוילְן, לַעֲשׂוֹת רְצוֹן אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

---

דעמאלטדיגע רב אין בוברויסק, דער בית הלוי און זיין זון הגאון רבי חיים, רבי חיים עוזר וואס איז דעמאלטס געווען ראב"ד אין שטאט ווילנא, און רבי צבי הירש רבינוביץ, דער זון פון הגאון רבי יצחק אלחנן ספקטור אב"ד קובנא, ווי זיי האבן אלע דן געווען בעניני השעה וואס דער אמת'ע דעת תורה דארף צו זיין אין אזא מצב, ווען אינמיטן האט זיך דער בית הלוי אויפגעשטעלט און איבער געהאקט דער עולם מיט זיינע שארפער רייד, און מיט א קול געשטיקט פון טרערן האט ער געזאגט "חס וחלילה! אז אונז זאלן מסכים זיין צו דער גזירה פון דער מלכות הרשעה, דער באשעפער האט אונז באפוילן והודעתם לבניך ולבני בניך דער באשעפער האט ארויף געלייגט א חיוב אויף אונז צו לערנען תורה מיט אונזער תלמידים, דער ווילן פון השי"ת איז אז אונז זאלן ממשיך זיין צו אויסלערנען פאר אונזער קינדער די תורה און דאס ווייטער איבער געבן פון איין דור צום קומענדיגע דור, אבער דאס איז דוקא ווען די תורה ווערט איבערגעגעבן אזוי ווי מיר האבן דאס באקומען כמסורה מסיני, און אויב אונז קענען דאס נישט אויספירן, דער רעגירונג לאזט נישט לערנען, דעמאלטס איז דער רצון השם יתברך אז אונז זאלן פארשפארן דעם ישיבה, אונז דארפן זיך נישט זארגן אויף דעם הבטחה לא תשכח מפי זרעו, ווייל דער גאנצע סיבה פארוואס אונז האבן א ישיבה איז בלויז ווייל דאס איז דער רצון השם, אצינד ווען דער רצון השם איז אז עס זאל נישט זיין קיין ישיבה, איז נישטא קיין ישבה!

דער באשעפער וויל נישט אז אונז זאלן זיין פארלעננען פאר די תלמידים ווי אזוי דער רוסישער רעגירונג וויל, דעריבער דארף מען טון דעם רצון השם און זען וואס דער אייבערטשער וויל פון אונז און דאס איז וואס מיר דארפן טאן. (הראשון לשושלת בריסק עמוד 147)